# יחידהל

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת אמור תשפ"ד / גליון פ"ז


הלימוד היומי בספרי חסידות

**לשבוע הבעל"ט**
**ספה"ק מאור עינים** (לך)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | ולכן על ידי שהוליד |
| שני | על כן צריך כל איש |
| שלישי | ובפרט בשעה עממין |
| רביעי | וכן בכל העמים |
| חמישי | ועל כן נאמר וכל העם עד ד"ה ויאמר ה' אל |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע
605.313.6695

אין אירופה
033.0551.7811

ספעציעלע לעכטיגע שמועס'ן איבער
הוד - פסח שני - ל"ג בעומר
אין "היכל המרכזי" נומער 9


## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# צווישן טויט און לעבן...

### אלס געטרייע שלוחים מישן מיר זיך נישט אריין אינעם משלח'ס געשעפטן, און מיר טיילן אים נישט קיין דעות. מיר זענען גרייט אויף סיי וואספארא שליחות ער וויל אונז שיקן

לאמיר זיך פארשטעלן אזא סיטואציע: ר' שמואל האלט אינמיטן א פייערדיגן 'נשמת', ער שאקלט זיך מיטן גאנצן כח, און זיין הארץ איז פול מיט דערהויבענע געפילן פון דביקות אינעם אויבערשטן. פלצלינג מערקט ער, ווי זיין שכן וועלכער שטייט נעבן אים ביים דאווענען, פאלט אראפ אויף דער ערד אין חלשות... ר' שמואל איז נישט פויל, ער לויפט שנעל צום טעלעפאן און רופט 'הצלה'. די הצלה לייט קומען שנעל אן און ראטעווען דעם איד ממות לחיים.

ר' שמואל גייט אהיים נאכן דאווענען און איז פארזונקען אין זיינע מחשבות: "ברוך השם, איך האב געהאט די זכיה צו ראטעווען א 'נפש מישראל', אה, וואספארא זכיה! אבער פון צווייטן זייט, האב איך דאך למעשה אנגערירט א טעלעפאן אום שבת קודש! איך האב מורא אז איך האב עטוואס פארלוירן 'קדושת שבת' מיטן אנרירן א מוקצה זאך! ווייל אויב דער אויבערשטער וואלט געוועזן זייער צופרידן מיט מיין שבת קודש - וואלט ער מיר נישט אונטערגעשיקט אזא זאך, אז איך זאל מוזן מחלל שבת זיין! ער וואלט מיר געשיקט די זכיה פון 'הצלת נפשות' - אין א וואכנטאג!". אזוי איז ר' שמואל אינגאנצן צומישט...

אין דער שפראך פון חז"ל (נזיר כג:) רופט זיך דאס: "עבירה לשמה" - ער האט עובר געווען אויף אן עבירה פון חילול שבת, אבער אט דאס איז געווען דער רצון ה'! א מאדנער צוזאממשטעל. לאמיר פארשטיין וואס עס טוט זיך דא.

## עבירה לשמה

דער 'מאור עינים' טייטשט אפ די פרשה פון 'טומאת מת', אויפן 'מלאך המות', דאס הייסט, אויפן 'יצר הרע' וועלכער איז דער מקור פון מיתה. מיט דעם איז ער מסביר די ווערטער פון רש"י: "לנפש לא יטמא בעמיו - בעוד שהמת בתוך עמיו", דער 'מת', דאס הייסט, דער 'מלאך המות', איז נאך יעצט צווישן מענטשן, און דעריבער זאגט מען אן פאר די כהנים: ווערט נישט טמא דורכן מלאך המות וועלכער רוהט דא!

פון דער צווייטער זייט, איז פארהאן אזא זאך וועלכע ווערט אנגערופן 'מת מצוה', וואס דארט מעג זיך א כהן מטמא זיין. וויאזוי שטימט דאס - כלפי דעם מלאך המיתה? מעג מען דען אמאל יא האבן שייכות מיטן יצר הרע? איז דער 'מאור עינים' מסביר: "אמרו רז"ל 'גדולה עברה לשמה ממצוה שלא לשמה, כגון לחלל שבת מפני פקוח נפש'. ומה נעשה מעברה כזו שהיא עצמה דבר קלפה, רק שעשה לשמה?

"אך שיש נשמות שהם נעים ונדים ואינם יכולים לעלות לשרשם, ובמצוה אין יכולים להעלותן שאין להם כח להתכלל במצוה, רק בעברה כזה, שיש מי שעובד ה' ושולחין לו יסורין, ואינו יכול לעבד השם יתברך, ומכרחים לחלל שבת בשבילו, נמצא כשמחלל שבת יורד אל הקלפות, רק שעושה זאת לשמה, ובזה מעלה אותן הנשמות.

"וזה נקרא 'מת מצוה', רוצה לומר עברה שהיא מצוה שהיא לשמה, 'שאין לו קוברין', רוצה לומר שאין להנשמות הנ"ל קוברין, דהינו להעלותם ולגנזם בשרש עליון, רק על ידי עברה כזו".

## קירוב רחוקים

אין אנדערע ווערטער: יעדער איד איז אראפגעקומען דא אויף דער וועלט מיט א שליחות פון 'קירוב'! ער דארף 'מקרב' זיין געוויסע נשמות צום אויבערשטן. קודם כל, זיין אייגענע נשמה, און אין צוגאב - אויך אנדערע נשמות וועלכע קומען אן צו אים א גאנצן צייט (ווייל אין יעדע זאך אויף דער וועלט, זענען באהאלטן נשמות; ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל), וואס ער דארף זיי אלע צוריקברענגען און באהעפטן צום אויבערשטן.

אמאל פאסירט אבער, אז דער אויבערשטער וויל פון אונז, אז מיר זאלן צוריקברענגען צו אים אזא סארט נשמה וועלכע געפונט זיך ממש טיף אין דער קליפה. דעריבער, רוקט ער אונז אונטער אן עבירה וועלכע איז א מצוה, אינמיטן 'נשמת' זאל מען דארפן אנרירן א טעלעפאן און רופן הצלה, און דורכדעם זענען מיר מקרב די דאזיגע נשמה וועלכע ליגט דארט אין דער קליפה.

> דעריבער, רוקט ער אונז אונטער אן עבירה וועלכע איז א מצוה, אינמיטן 'נשמת' זאל מען דארפן אנרירן א טעלעפאן און רופן הצלה

יעצט ווענדט זיך: אויב זענען מיר פארנומען בלויז מיט דער 'זיך' - זענען מיר טאקע בארעכטיגט זיך צו עסן דאס געזונט און טראכטן: "א שאד אז די מעשה האט נישט פאסירט מיטוואך - אנשטאט שבת קודש! איך וואלט געקענט האבן ביידע מצוות בשלימות, סיי שמירת שבת און סיי הצלת נפשות...". אויב אבער זענען מיר פארנומען מיט אונזער 'שליחות', דעמאלט האבן מיר נישט קיין שום פאראיבל, ווייל ווייזט אויס אז יעצט האט דער 'משלח' געוואלט נאנט ברענגען צו זיך עפעס א פארווארפענע נשמה'לע, און ווען נישט מיין חילול שבת במצוה - וואלט די נשמה קיינמאל נישט געקענט צוריקקומען! נו, איז דאך א גרויסע שמחה! ווייל אט די 'עבירה לשמה' איז נאך גרעסער פון א גלאטע מצוה - וועלכע קומט נישט אן אזוי טיף און נעמט נישט ארויס אזעלכע פארפאלענע נשמות פון תהום.

## איך ארבעט נישט פאר 'פרנסה' - נאר פאר 'קירוב רחוקים'

דער לימוד וואס מען נעמט ארויס פון אזא שטיקל מאור עינים - ענדיגט זיך נישט בלויז ביי א זעלטענעם פאל פון פיקוח נפש. נאר דאס איז אויך נוגע ביי יעדן עסק וואס מיר דארפן האבן צוטון מיט גשמיות. יעדער איינער וואלט זיך געוואונטשן, אז ער זאל קענען זיצן און לערנען מיט א רואיגקייט יומם ולילה, און דינען דעם אויבערשטן אן קיין שטער. אבער ווען ער זעט, אז ער מוז אוועקגעבן אזויפיל חלקים פון זיין טאג און נאכט, פון זיין בלוט און שוייס, פון זיין נפש און מח - צו קענען לייגן ברויט אויפן טיש - קרעכצט ער: "א שאד אויף אזעלכע מצוות - וועלכע נעמען מיר אוועק פון דביקות".

אבער דער מאור עינים לערנט אונז אויס אן אנדערן בליק: מיר זענען דא אויף א שליחות! קיינער פון אונז ווייסט נישט וואו זיינע נשמה'לעך - וועמען ער דארף מקרב זיין - געפונען זיך! אמאל געפונען זיי זיך אין בית המדרש, און אמאל אין באנק... אמאל אין רואיגקייט און אמאל אין אנגעצויגנקייט... אמאל אין אפצאלן א חוב און אמאל אין ארויסנעמען א חוב... מיר - אלס געטרייע שלוחים - מישן זיך נישט אריין אינעם משלח'ס געשעפטן, און מיר טיילן אים נישט קיין דעות. מיר זענען גרייט אויף סיי וואספארא שליחות ער וויל אונז שיקן - זאל עס זיין אויף יענע עק וועלט - וואו עס איז אונז אומבא'טעמ'ט צו גיין. און וויבאלד מיר זענען א 'חלק אלוק ממעל' וועלכע לעכצט בלויז צו מגלה זיין דעם אויבערשטן אויף דער וועלט - קענען מיר עס באווייזן! מיר וועלן זיך פרייען מיט א גרויסע שמחה, אז מיר זענען זוכה צו גיין אויף אזא דערהויבענע מיסיע: להתוודע ולהיגלות כי הוא מלך על כל הארץ.

# די 'מנוחה' פון שבת

## וואס איז עס די 'מנוחה' אום שבת? • וויאזוי טוט מען עס, וויאזוי קומט מען אן דערצו?

**אברהם יצחק:** א גוט יאר משפיע, היינט בין איך ספעציעל איבערגענומען פון דעם שבת וואס כ'האב געהאט, נאך אונזער לעצטע שמועס...

**משפיע:** אוהו, וואס איז געווען?

**אברהם יצחק:** וואס הייסט? ס'איז געווען גאר אן אנדערע שבת, גאר אן אנדערע בליק אויפן שבת...

**משפיע:** פרובירט עס ארייננצולייגן אין ווערטער. ביסט צוקאכט און פארפלאמט, אבער דערציילסט נישט די נקודה וואס האט דיר פארפלאמט...

**אברהם יצחק:** קוק, ס'איז געווען דאס ערשטע מאל וואס כ'האב געהאט עפעס צו מתבונן זיין אין שבת. פלוצלונג האב איך געכאפט אז 'שבת' איז דער יסוד פון אידישקייט! מיט אונזער עצם שמירת שבת רופן מיר אויס פאר די גאנצע בריאה אז ס'איז דא א בורא עולם!

**משפיע:** אה, יעצט הער איך. צוערשט האסטו געכאפט אז שבת איז א גילוי אויף די גאנצע בריאה. ס'איז נישט

> נישט מער ווי זיך אפשטעלן פאר אפאר מינוט און טראכטן פשוט'ע ווערטער, פארוואס האט אונז השי"ת פארבאטן צו טון מלאכות? וואס שטערט אים אויב צינד איך אן א לעקטער אום שבת?

'נאך' אן ענין אין עבודת ה', נאר דער שורש היהדות, א קלארע הכרה אז אלץ איז דער איבערשטער.

**אברהם יצחק:** די נקודה איז גראדע גאנץ פשוט, אבער וואס האט מיר באמת געכאפט, נאכן ארויסהאבן אז שבת איז מגלה אז אלץ וואס א מענטש און די בריאה גייט דורך, איז אויך א טייל פון די 'בריאה'. אלע פאקטן און כללים אין די וועלט, זענען 'נבראים' וואס השי"ת האט באשאפן. פארשידענע זאכן וואס כ'האב קיינמאל נישט באטראכט אלס 'נבראים', נאר פשוט'ע מציאות'ן וואס מוזן זיין, אויפאמאל האב איך געכאפט אז אויך דאס האט השי"ת באשאפן...

## כ'בין אינגאנצן דעם איבערשטנ'ס

**משפיע:** כ'האב הנאה צו הערן ווי דו צוועמסט דעם ענין. רעד ווייטער, זיי מסביר וויאזוי די מחשבות האבן דיר געשאפן א הבנה אין פנימיות הענין פון שבת?

**אברהם יצחק:** נאכן פארשטיין אז אלץ אין די וועלט איז א 'בריאה', האב איך געכאפט אז אייגנטליך יעדע זאך וואס פארנעמט א מקום ביי א מענטש אין קאפ, איז אויך א חלק פון די 'נבראים' וואס השי"ת האט באשאפן. למשל, דאס אז א מענטש דארף געלט, עסן, שלאפן - דאס אלעס 'מוז' נישט זיין... נאר השי"ת האט

באשאפן אז אזוי מוז זיין! אונזער שפירן א געברויך דערצו, רעכנט זיך אויך אריין אין די באנייטע בריאה פון השי"ת!

דאס האט געטוישט מיין גאנצער בליק, מיטאמאל האב איך געכאפט אז נישט נאר אז השי"ת ערפילט אונזערע אלע באדערפענישן, נאר ער מאכט די געברויכן! דאס אז איך 'דארף' און עס 'פעלט' מיר, קומט פון אויבערשטן.

**משפיע:** און וואס האט דיר די אנערקענונג משפיע געווען?

**אברהם יצחק:** כ'האב זיך געשפירט מורא'דיג נאנט צום אויבערשטן. א געפיל אז השי"ת געפינט זיך ביי מיר אין יעדן מציאות! אלץ וואס איך האב, וואס איך שפיר, וואס איך דארף, קומט פון אויבערשטן. מ'שפירט השי"ת אומעטום.

**משפיע:** אוי זאגסטו גוט... לאמיר צולייגן איין ווארט: דאס וואס דו רעדסט, פירט צו דער הרגשה פון 'שביתה' אום שבת! ווייל דאס אז א מענטש שפירט א נויט צו רואיגקייט און מנוחה קומט פון זיין כסדר שפירן חסרונות, רצונות און געברויכן, און נאכאנאנד איז ער אין א געיאג ציי צו ערפילן. אפילו די 'מסתפקים במועט' זענען פארנומען צו ערפילן דאס ביסל...

אבער ווען ס'קומט שבת - 'בא מנוחה'! ווייל ווען ס'ווערט נתגלה אז אלעס איז אויבערשטער, דער בורא און מנהיג העולם וואס מאכט אלעס, אריינגערעכנט אט דעם געפיל פון חסרון, קומט אויס אז אין אמת'ן איז נישטא קיין חסרון! ער מאכט דאך סיווי אלעס, אויב אזוי פעלט מיר גארנישט! אויף דעם זאגן אונז חז"ל (מכילתא יתרו): "יהא בעיניך כאילו כל מלאכתך עשויה", ווייל ווען א מענטש כאפט אז בשורש איז נישטא קיין 'חסרון', קומט נישט מער אריין קיין דאגה אדער קלעם...

**אברהם יצחק:** הייסט אז 'מנוחה' מיינט 'שביתה', ביידע קומען פון די הכרה אז ס'פעלט מיר גארנישט.

**משפיע:** ס'איז נישט פונקט איין זאך. שביתה איז די **חלק המעשה** פון שבת, נעמליך נישט צו טון קיין פעולה צו ערפילן א חסרון. מנוחה איז די **חלק ההרגשה** וואס א מענטש שפירט אז ס'פעלט אים גארנישט, די רואיגקייט אז ער האט אלעס וואס ער ברויך. געוויסע טוען ביי שביתה און ביי מנוחה שטאמען פון די 'עדות', די 'הכרזה' אום שבת אז די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן דורך השי"ת. נאר אט די עדות'שאפט דארף זיך אויסדריקן ביי אין חלק המעשה דורך 'שביתה', און ביי אין דעם חלק הלב דורכ'ן שפירן א 'מנוחה'.

## און אויב ס'גייט נישט צו שפירן?

**אברהם יצחק:** דא קומט אריין א שאלה וואס האט מיר אלץ געבאדערט. כ'האב אויפגעפאסט, אז דער משפיע רעדט פון א געוויסע געפיל פון 'מנוחה', 'רואיגקייט' און 'געלאסנקייט'. ווי דער משפיע האט געזאגט, 'רוען' פון מלאכות דריקט נאר אויס די חלק המעשה פונעם מענטש, אבער ווילאנג 'מ'שפירט' נישט קיין מנוחה פעלט אן עיקר אין שבת, אזוי ווי א סימן אז די עדות'שאפט איז אים נישט אריין אין הארץ.

**משפיע:** וואס שטערט דיר מיט דעם?

**אברהם יצחק:** זייער פשוט, וואס טוט מען ווען מ'שפירט נישט...? ס'גייט נישט, ס'קומט שבת און מ'פרובירט ארייננצוגיין אין מצב פון 'רואיגקייט' אבער מ'טאפט א וואנט... קען מען זאגן אז ס'פעלט אין די שלימות פון שבת?

**משפיע:** ביסט גערעכט אז כ'האב ביז יעצט גענוצט דאס ווארט 'געפיל', אבער כ'האב לאו דוקא געמיינט שפירן אין הארץ, נאר התבוננות און צולייגן קאפ - און דאס קען מען אלעמאל. ווען ס'קומט שבת איז אונזער פליכט ארייננצוטראכטן אין דעם מציאות פון שבת, און אין די משמעות פון איסור עשיית מלאכה.

דארפסט נישט מער ווי זיך אפשטעלן פאר אפאר מינוט און טראכטן פשוט'ע ווערטער, פארוואס האט אונז השי"ת פארבאטן צו טון מלאכות? וואס שטערט אים אויב צינד איך אן א לעקטער אום שבת? וואס ליגט אין די אלע הלכות? און זיך איינ'חזר'ן דעם ענטפער ווי גערעדט, אז מיטן נישט טון מלאכות רופן מיר אויס אז ס'איז דא א באשעפער וואס האט געהוט פון מלאכות אין דעם טאג, ער האט און טוט אלעס און מיר זענען אינגאנצן אין זיין רשות. דורך טון די מעשים זענען מיר זוכה זיך צו כביכול צושטעלן און מדבק זיין מיטן אויבערשטן.

ווען א מענטש נעמט דאס אין אכט, טוט עס געווענליך ברענגען א געפיל פון רואיגקייט. אבער אפילו אויב פאר סיי וואספארא סיבה ווירקט עס נישט אויף אים, ער שפירט נישט געהעריג קיין מנוחה'דיגע געפיל - פארט געפינט זיך א מנוחה פנימית אין מח, און דאס איז דער עיקר: צוזאמצובינדן די פנימיות פון דעם מענטש וואו דער עיקר מנוחה געפינט זיך, מיטן מח און ידיעה פון דעם מענטש ווייסנדיג אז ס'פעלט אים גארנישט און ער איז אינגאנצן ביד ה'.

**אברהם יצחק:** שוין, דער משפיע האט מיר אביסל געטרייסט. דער עיקר איז טראכטן. כאטש טראכטן קען מען אויך אינמיטן וואך... וואס האט עס מיט שבת?

**משפיע:** דער יסוד אז השי"ת האט באשאפן די גאנצע וועלט און מיר זענען אין זיינע הענט, געהערט אויך צו די ימי החול, ס'איז ממש יסודי אמונה! וואספארא ספעציעלע מחשבות דארף מען אויב אזוי טראכטן אום שבת?

## א צייכן פון אמונה

**משפיע:** דו רירסט אן א ריכטיגע נקודה, אבער די שאלה איז באזירט אויף א הנחה אז שבת דארף מען עפעס עקסטער טראכטן, מ'דארף אריינגיין אין א מצב פון שפירעכץ און טראכטעכץ... גראדע זענען דא ספעציעלע מחשבות פארן שבת, אבער פאר אלעס קומט די פשוט'ע מחשבות פון אמונה און עצם מציאות ה', און דורכ'ן רוען אין שבת באווזט זיך די מחשבות

חלק מהוצאות הגליון
נתנדב לעי"נ הרה"ח ר' יעקב ב"ר
משה יחיאל ז"ל פעקעטע
נלב"ע ב' אייר תפארת שבתפארת תשפ"ד
נתנדב ע"י נכדו החשוב שליט"א

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

פיל שטערקער אין הארץ.

**אברהם יצחק:** כ'האב נישט פארשטאנען... מ'טראכט מחשבות פון אמונה וואס מען דארף גראדע טראכטן א גאנצע וואך, נאר אין שבת ווערן זיי שטערקער....?

**משפיע:** לאמיר דיר מסביר זיין: לאמיר באטראכטן די עשרת הדברות, ס'הייבט זיך אן מיט 'אנכי', די מצוה פון אמונה אין מציאות ה'. אזוי אויך 'לא יהיה לך' איז א לא תעשה נישט צו טראכטן אז ס'איז פארהאן אן אנדערער כח אדער מציאות. דערנאך דער חיוב צו מכבד זיין שם ה' און עס נישט אבי ארויסזאגן. נאכדעם קומט די מצוה פון שבת. וואס לייגט עס צו? סייווי זענען מיר מחויב צו גלייבן אין אויבערשטן און אים מכבד זיין, וואספארא חלק האמונה ברענגט אונז דער שבת? אויף דעם שרייבט דער רמב"ן וואס מיר האבן פאריגע וואך דערמאנט, לאמיר ציטירן זיין לשון:

**"זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, אַחַר שֶׁצִּוָּה שֶׁנַּאֲמִין בְּשֵׁם הַמְיֻחָד יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא הַנִּמְצָא, הוּא הַבּוֹרֵא, הוּא הַמֵּבִין, וְהַיָּכוֹל, וְשֶׁנְּיַחֵד הָאֱמוּנָה בְּכָל אֵלֶּה וְהַכָּבוֹד לוֹ לְבַדּוֹ, וְצִוָּה שֶׁנְּכַבֵּד זֵכֶר שְׁמוֹ, צִוָּה שֶׁנַּעֲשָׂה בָּזֶה סִימָן וְזִכָּרוֹן תָּמִיד לְהוֹדִיעַ שֶׁהוּא בָּרָא הַכֹּל, וְהִיא מִצְוַת הַשַּׁבָּת שֶׁהִיא זֵכֶר לְמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית".** האבן מיר א קלארע הגדרה אויף שבת: א סימן אויף אלץ וואס מיר זענען פארנומען א גאנצע וואך. די זעלבע אמונה וואס מיר זענען שטענדיג מחויב צו טראכטן און אריינבאקן אין הארץ, ווען ס'קומט שבת מאכן מיר א צייכן דערויף און מיר זענען עס מגלה דורכ'ן רוען פון מלאכות. דאס הייסט, מיט אונזערע מעשים זענען מיר מגלה 'בפועל' אז ס'איז נישטא קיין אנדערע מציאות אויסער השי"ת און אלעס איז בטל צו אים.

**אברהם יצחק:** וואס הייסט 'מיר זענען מגלה בפועל'? פאר וועמען זענען מיר דאס מגלה?

**משפיע:** פאר זיך אליינס! ארבעטן א גאנצע וואך דריקט נאכנישט אויס אז ס'איז דא א מנהיג לבירה, פארקערט, די אלע פעולות זענען דעצילט צו ערררייכן און ערפילן אלע באדערפענישן, ביז ס'קען זיך דאכטן אז מיר פירן אונזער אייגענע לעבן און ערפילן אונזערע חסרונות ח"ו. דעריבער אפילו אויב מ'גלייבט אז אלץ איז פון אויבערשטן און מיר זענען אין זיינע הענט, ברענגט זיך נישט די אמונה ארויס אין 'מעשים'.

אבער ווען ס'קומט שבת באקומען מיר דעם זכות אויסצודריקן דעם אמונה נישט נאר אין מחשבה, נאר אויך מצד המעשה. שביתה איז די גרעסטע צייכן אז ס'איז דא א מנהיג לבירה וואס האט און טוט אלץ באשאפן, און האט און טוט רוען אום שבת, און ער האט באפוילן אים נאכצוטון און דערביי אויסרופן אז די וועלט האט א מנהיג - '**וְהִיא מִצְוַת הַשַּׁבָּת שֶׁהִיא זֵכֶר לְמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית**' ווי דער לשון הרמב"ן. בקיצור, די אמונה דריקט זיך אויס אין מעשים.

**אברהם יצחק:** כ'שפיר אז כ'בין געווארן אסאך קלארער, א גרויסן יישר כח.

**משפיע:** א ליכטיגן שבת!

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**פון יעדע זאך וואס א מענטש זעט אדער הערט, דארף ער נעמען א הוראה צו עבודת ה'** (ווייל מיר גלייבן אז די זאך האט אים אנגעטראפן בהשגחה פרטית).

מרן הבעש"ט הק' זי"ע

# טענץ אין שניי

דיקע שיכטן שניי באדעקן די בלאטיגע ערד, פארשווערנדיג אלץ מער ר' נטע'ס פארשריט אינעם פראסטיגן וואלד. ער גארטלט זיך אן מיט זיינע לעצטע כוחות פארצוזעצן זיין וועג, אן זיך אויסגליטשן חלילה.

"העלף מיר באשעפער!", שעפשעט ר' נטע, "כ'מוז נאך היינט נאכט אנקומען קיין טערניווא, כ'האב נישט גע'חלומ'ט אז כ'וועל אנקומען צו אזא מצב...".

די שוועריקייט באריגט נישט זיין לוסטיגן שטימונג. "געלויבט השי"ת, א איד געבט זיך אן עצה", טראכט ער, "דער אויבערשטער וועט מיר זיכער העלפן, כאטש כ'האב נישט קיין פיאסטער צו דינגען א וואגן...".

אויפן האריזאנט באווייזט זיך א שניי-שליטן. דער וואגן וואס פירט דעם רב פון שטעטל, צו א ברית אינעם דערנעבנדן שטעטל קומט נענטער. דער רב זעט ווי א איד דראפעט זיך צווישן די פארפרוירענע וועגן. "אוי וויי!", קען נישט דער רב צוקוקן, "שטעל זיך אפ!", באפעלט ער דעם בעל עגלה, "א איד שטייט דארט, ער האט ניטאמאל א געהעריגע מאנטל אנצוטון, לאמיר אים ארויפלאזן אויפן וואגן".

דער בעל עגלה דרייט דעם וואגן צו ר' נטע'ס ריכטונג. "ר' איד! קום ארויף אויפן וואגן!", רופט דער רב.

ר' נטע דרייט זיך אויס און קען נישט גלייבן זיין גוטן מזל. "אוהו, כ'האב נישט קיין ווערטער אייך צו באדאנקען!", איז ר' נטע אינגאנצן איבערגענומען.

"נו נו, קום שנעל ארויף", יאגט אים דער בעל עגלה צו. ר' נטע פארזוימט נישט קיין מינוט, זיין הארץ איז פול מיט פרייד.

"טאטע אין הימל, איך דאנק דיר!", חזר'ט זיך איבער דער זאץ אין זיין שמחה-איבערגעפילטע הארץ. ווי וואונדערליך פירט דער אויבערשטער זיין וועלטל! ער ווייסט נישט וואס צו טון פון גרויס איבערראשונג. ביז ער ברעכט אויס אין א פייערליכע טענצל, אינמיטן וואגן... דער רב מיטן בעל עגלה עפענען אויף אים א פאר פארוואונדערטע אויגן, אבער ר' נטע זעט גארנישט, ער איז פרייליך, ער טאנצט.

ווארשיינליך האט זיין שמחה געווירקט אויפן וואגן וועלכע האט אנגעהויבן מיטצוטאנצן, ביז אפאר מינוט האט זיך די פארעלטערטע וואגן איבערגעדרייט אויף איר פאסאדזשירן...

מיט נסי נסים איז יעדער ארויס גענצליך אומגעשעדיגט פונעם אינצידענט.

דער געלערנטער בעל עגלה איז דער ערשטער ארויסצוקריכן פון אונטערן וואגן.

ער דערלאנגט א האנט פארן עלטערן רב וועלכער הייבט זיך שווערליך אויף, באגלייט מיט הילכיגע קרעכצן, "אויש, איי... נאר דאס האט מיר אויסגעפעלט... פון וואו נעמט א איד אזא חוצפה? ארויסצושלעפן אן עלטערער רב אין אזא פראסט, און נאך צושיקן אזא וואגן? כ'האב געוואוסט אז דאס וועט געשען... אויש...".

אויך ר' נטע קלעטערט ארויס פון צווייטן זייט וואגן. ער שטעלט זיך אויף, שאקלט אפ די שניי און קוקט זיך אום. ווידער קען נישט ר' נטע אראפשלונגען די גרויסע חסדים, קוק נאר אן, קיינער איז נישט געשעדיגט! פון טיפעניש פון הארץ שרייט אים ארויס א הודאה, "טאטע אין הימל, איך דאנק דיר!".

"טאטע'ניו!", איז ר' נטע נאכנישט פארטיג, "פארוואס קומט עס מיר? אזויפיל חסדים, דא וואלט געקענט זיין מיין קבר, דערווייל בין איך פריש און געזונט!". זיינע שטורעמישע ליוב-געפילן נעמען אים איבער, ער קען נישט איינהאלטן זיין פרייד, צום צווייטן מאל הייבן זיינע פיס אן צו טאנצן...

דאס מאל איז זיינע מיטרייזנדע'ס וואונדער נישט געווען אזוי גרויס, "צדיק'ל, הער אויף די טאנצערייען און קום שוין ארויף...!", פראבירט דער רב איינצוהאלטן זיין צארן. "אוי, זייט מיר מוחל!", פאלט ר' נטע צום רב'ס פיס, "כ'האב נישט געכאפט אז די וואגן איז אזוי שוואך".

"דיר בין איך מוחל", ברומט דער רב פארהאקטערהייט, "אבער דעם בעל ברית קען איך נישט מוחל זיין...".

ר' נטע ענטפערט נישט, וואס פארשטייט ער צום חשוב'ן רב'ס ווייטאג. "מה אשיב לה'... אזעלכע חסדים...", קלינגט אפ זיין גאנצע וועזן, ר' נטע האלט זיך אן נישט נאכאמאל צו טאנצן...

ענדע קומען צוויי אן צום הויז פונעם בעל ברית, איינער גערעגט און איינער באגליקט.

דער בעל ברית ענטפאנגט לוסטיגערהייט דעם חשוב'ן רב, "שלום עליכם!". דער רב קוקט אים צוריק מיט א שטיינערנעם געזיכט, "אזוי טוט מען?! ארויסשלעפן א רב אין אזא קעלט?". דער בעל שמחה'ס פנים ווערן רויט.

דער רב האט נאך אויסצוגיסן זיינע טענות. "וואלסט אונז כאטש געדארפט צושיקן א לייטישע וואגן, כמעט אלע מיינע ביינער האבן זיך צובראכן פונעם צוקלאפטן וואגן! ר' משה, כ'בין דיר דן לכף זכות, מסתמא האסטו עס נישט אין אכט גענומען האלטנדיג אינמיטן א שמחה, אבער א קומענדיגן מאל דארפסטו מער טראכטן פון א צווייטן איד!".

דער רב נעמט א טיפע אטעם. דער פארשעמטער בעל ברית לויפט אריינברענגען דאס קינד, "דער רב זאל זיך נאר נישט בייזערן אויף דעם וואס דער צימער איז נישט גענוג אנגעווארעמט". לויפנדיג באמערקט דער רב ווי ר' נטע שטייט אין די זייט מיט א שטראלנדע געזיכט, און דערציילט גליקליכערהייט פאר די אנוועזנדע איבער די גרויסע חסדים וואס השי"ת האט אים היינט געטון. "ווער וואלט געגלייבט! און דערצו בין איך זוכה צו זיין ביי א ברית! אזעלכע חסדי שמים!".

דער רב הערט אים רעדן, און פלוצלונג הייבט ער אן שפירן שעצונג צו דעם איד. "איך זיץ זיך דא מיט מיין טילעפ, דיקן פעלץ און מיט א הארץ מלא טענות ומענות, און דא האסטו אן ארעמאן מיט געלאטעטע קליידער און הערט נישט אויף טאנצן און לויבן! וויאזוי באווייזט מען דאס?".

דער רב גייט צו צו ר' נטע. "זאג נאר ר' איד, צו וועלכן רבי'ן פארסטו?".

מיטן חסיד'ישן שמעק פארשטייט ר' נטע וואס דער רב מיינט צו פרעגן, ענטפערנדיג "איך פאר קיין טאמאשוב! מיין הייליגער רבי, ר' יוס'לע טאמאשובער זאל זיין געזונט זאגט אלץ:

'אשרי העם שככה לו': וואויל איז דאס פאלק וואס ווייסט אז יעדער 'ככה', איז 'לו'. יעדער מצב וואס מאכט זיך אים, 'אזוי' צי 'אזוי', איז אלץ געפירט פון הימל מיט א פונקטליכע חשבון פאר 'אים', און ער האט זיך נישט וואס צו בייזערן...".

און ווען הרה"ק ר' יענקעלע פשעווארסק'ער זי"ע האט דערציילט די מעשה, האט ער אויסגעפירט: פון הימל האט מען באגעגנט דעם רב דוקא מיט א שוואכן וואגן צו דער ר' נטע, אז דער רב דער צדיק און ירא שמים זאל זיך מתקן זיין.

**מקור: מפיהם ומפי כתבם**

# תכונות און טאלאנטן

## קענען שיין זינגען קען מיטגיין מיט עבודת ה'? דארף איך ווערן א 'צווייטן' כדי צו קענען זיין דבוק כה'?

### שאלה:

לעצטנס האט מען דא אסאך גערעדט איבער 'חירות', ערקלערנדיג אז היות א אידנ'ס מציאות איז געטליכקייט, האט ער נישט קיין אנדער אופן ווי צו שעפן חיות און צופרידנקייט אויסער צו זיין מחובר צו זיין מציאות - חיבור צום אויבערשטן. מיין פראגע איז: פאקטיש האב איך א רייע תכונות, מעלות, חסרונות, כשרונות, פראבלעמען... וואס איך געב זיך דורך זיי ארויס האט דאס אלעס עפעס מיט מיין אייגענע מציאות, זענען זיי בלויז 'צופעליג', ווי שיך און ברילן, אדער האט עס יא מיט מיין 'איך'? וויאזוי דארף איך 'זיך' אנקוקן?

### תשובה:

## פון וועמען האסטו מורא?

בדרך כלל ווען מען זאגט פאר א מענטש: באהעפט זיך מיט דיין אייגענע 'איך', זאגט ער: 'נאר דאס נישט'...

מענטשן ציטערן פון זיך טרעפן מיט זיך. נישט פאלן אין א מינוט אן קיין סעלפאון, אן קיין חברים מיט וועמען צו שמועסן, אן עפעס צו ליינען. ווייל דעמאלטס וועט מען זיך טרעפן מיטן שונא נומער איינס: זיך...

פארוואס איז דיין 'איך' אזוי שלעכט? וואס הייסט, ווייל פאר זיך בין איך איין שטיק דורכפאל, כ'האב גארנישט צו פארקויפן אא"וו. ליבערשט טראכט איך נישט פון זיך און שוין.

אבער ס'איז א גרויסער טעות, ווילאנג דו ביסט א איד - איז דיין 'איך' איין שטיק הצלחה. און ס'קען נישט אנדערש זיין, ווייל דו ביסט א חלק אלוק ממעל, א הייליגע נשמה! מיט געוואלדיגע כוחות, גיי דיר אין 'זיך' אריין, וועסטו אנטדעקן א וואונדערליכן 'זיך' וואס הייסט 'נשמה'.

**נאר דא קען געשען צוויי טעותים:**

אדער ווייסט נישט דער מענטש וואס און ווי מאכטפול איז דאס א 'איד'. אויף דעם איז דא א פשוט'ע לעזונג: קענענלערנען און זיך מתבונן אין די גדלות פון א איד.

אדער כאפט מען נישט אז דער 'איך' פון וועמען מ'רעדט איז מיין נפש אליין, און נישט מיינע הצלחות אד"ג. דאס איז א ביטערער טעות, איינס: ווייל ווילאנג מ'איז נישט באהאפטן צום אייגענעם נפש, שפירט מען זיך נישט קייןווירקליכע מציאות, אזוי אז מ'איז קיינמאל נישט צופרידן. צווייטנס: די וועלט איז אן עולם החסרון, דעריבער וועלן דיר דיינע הצלחות קיינמאל צופרידן שטעלן.

דעריבער דארפסטו פשוט זיך דוקא באהעפטן צו דיין אמת'ע 'זיך'. ביים דאס טון, וועסטו נישט נאר אויפהערן צו מורא האבן פון זיך טרעפן מיט זיך, נאר פארקערט, וועסט נאר וועלן אנטלויפן פונעם עולם החיצוני אריין אין זיך! אריין אין מיין נשמה און לעבן מיטן אויבערשטן!

## תכונות - די נשמה'ס 'צורה'

**און צו דיין שאלה:** אין די לעצטערע וואכן האט מען אויסגעשמועסט אז די חיצוניות'דיגע וועלט פון הצלחות געבט גארנישט פארן מענטש אויסערן אים משעבד זיין, און נאר די אמת'דיגע פנימיות'דיגע וועלט איז וויכטיג, וואו מ'איז דבוק צו דער נשמה און צום אויבערשטן.

פרעגט זיך די שאלה, אויב זענען חיצוניות'דיגע הצלחות אזוי מינדערוויכטיג, פארוואס האט מיר השי"ת געשאנקען אזא און אזא טאלאנט? וואס דארף איך טון מיט מיין כשרון אין נגינה? אין רעדן? אין ארגאניזירן? אין פארשטיין? דארף איך זיך פארהוילן דערפון און זיך בלויז אריינטון אין לעבן מיטן אויבערשטן?

**דער ענטפער איז פשוט און יסודות'דיג: דיינע אייגנשאפטן און טאלאנטן זענען טייל פון דיין נשמה! דיין כח פון מאלן, זיין הארציג, גרינטליך אא"וו זענען א חלק פון דיין מציאות פון דביקות בה'.**

**ווייל דא קומט אריין א גרויסער יסוד אין אונזער לענגערע שמועס איבער 'חירות'.**

יעדער וואס טוט אין נפשיות'דיגע סוגיות, איז באקאנט מיט די שוואכקייטן פון מענטשן וואס זענען מקנא אנדערע, אדער שפירן אז זיי ברענגען זיך נישט ארויס גענוג, אדער זיי האבן נישט גענוג / ספעציעלע כשרונות אא"ו.

דאס אלעס קומט פון זיין משועבד. א בן חורין וואס לעבט זיין מציאות שפירט נישט קיין ווילן צו עפעס וואס ער האט נישט, ער שפירט נישט אז דער פארעם אין וואס השי"ת האט אים באשאפן האט א פעלער. ער לעבט זיין געטליכע מציאות, און וויל זיך בלויז באהעפטן צום אויבערשטן אן אויסקוקן אויף עפעס אנדערש.

איי פארוואס קען מען טרעפן געוויסע עובדי ה' וואס א כשרון אדער מדריגה וואס א צווייטער האט און זיי נישט דערגייט זיי דאס לעבן? נאך מער: פארוואס זעט מען פארשידענע עובדי ה' וואס זענען אומצופרידן מיט זייער מצב עבודה? ער איז דאך מחובר צום אויבערשטן, דער אמת'ער מקור פון שלימות און גליק, וואס פעלט אים?

**די סיבה איז צוליב איין פרט וואס זיי האבן נישט אין אכט גענומען: אז זייערע כשרונות זענען א טייל פון זייער נשמה.**

ווען השי"ת האט אריינגעבלאזן אונזער נשמה, האט ער עס אויסגעשטעלט אין די גענויע צורה וואס זי דארף האבן כדי זיך צו קענען מחבר זיין צום אויבערשטן. הייסט אזוי: אויב איז דיין שאיפה צו לעבן מיטן אויבערשטן, דארפסטו עס וועלן און טון אין ראם פון די פונקטליכע פארעם וויאזוי השי"ת וויל דיין התחברות צו אים, ווייל דארט ליגט דיין מציאות אלקית.

השי"ת האט דיר נישט אבי אריינגעשטעלט אלערליי אייגנשאפטן פשוט ווייל אן דעם קען מען נישט אנגיין אויף דער וועלט... נאר ווייל די צורה פון דיין מציאות אלקית איז גענוי אויף דעם אופן. וואס איז דיין מציאות? א געטליכע מציאות. האסט א אייגנארטיגע טאלאנט? השי"ת וויל זיך מגלה זיין אין דיר דערמיט. ביסט א פראקטישער מענטש? השי"ת וויל זיך מגלה זיין אין דיר דערמיט.

## האסט א געוויסע אייגנשאפט? ארבעט דערמיט!

**דער יסוד זאגט אונז צוויי נקודות: צוערשט,** ווען א מענטש דערזעט זיך מיט א מעלה, האט ער א פליכט עס צו אנטוויקלען און אויסנוצן פאר עבודת ה', **ווייל נאר אזוי דארפסטו און וועסטו מצליח זיין זיך צו מחבר זיין בשלימות מיטן אויבערשטן.**

א מענטש דארף נוצן זיין כח פון געפילישקייט כדי זיך צעפלאמען ביים דאווענען, זיין כח פון ריכוז צו מעיין זיין ביים לערנען, אא"וו. נאר מיטן צוזאמשטעלן דיין אייגנשאפט אין עבודת ה' וועסטו זיך שפירן באמת באהאפטן צו זיך, און דערביי זיין א 'בן חורין'.

קומט אויס אז גרינגשעצן אדער פארנאכלעסיגן א טאלאנט אדער נאטור איז ממש דער היפך פון רצון ה'! ווילאנג דער אויבערשטער וויל נישט אז א מענטש זאל זיך צוריקהאלטן פון אויספירן עפעס, איז יעדע מחשבה און פחד וואס האלט אפ פון זיך ארויסברענגען און ענטוויקלען פשוט פון די כוחות הרע וואס זענען קעגן יעדע התגלות פון דעם אויבערשטנס גוטס אין די וועלט, לאז זיך נישט פון זיי! דיינע טאלאנטן און כוחות זענען געמאכט דו זאלסט זיי נוצן און אנקומען דורך זיי צו דיין תכלית.

פארשטייט זיך אז היות מיר האבן א נפש הבהמית, זענען אונזערע תכונות אנגעשטעקט מיט אן עירוב פון טוב ורע, אזוי אז דער זעלבער מענטש וואס שפירט מורא'דיגע אהבת ה' קען זיך אויך מוטשען מיט אהבת זרות, אא"וו. אונזער ארבעט איז אויסצוקלויבן די גוטע חלקים פון די פארקערטע, און עס נוצן פאר עבודת ה'.

## נאר נישט נאכמאכן

**די צווייטע וויכטיגע נקודה:** טו נישט נאך קיין חבר. דו דארפסט וויסן אז ס'האט גארנישט מיט דיר, ס'וועט דיר נישט פירן אין ערגעץ. **נאך מער:** כאטש ביי דיין חבר איז עס א געטליכע ענין, איז עס ביי דיר א חסרון און א גשמיות'דיגע זאך. אים דערהייבט עס, פאר דיר וועט עס שאטן, וועסט זיך שפירן אלץ א גרעסערער בעל חסרון.

דו רעדסט זיך איין, אז כרגע ביסטו א בעל חסרון און נאר ווען דו וועסט האבן די און די מעלה אדער תכונה וועסטו זיין א 'שלם'. אבער דער אמת איז פונקט פארקערט, ווילאנג דו ווילסט האבן יענעמ'ס תכונה, ביסטו א בעל חסרון ווייל געוויס פעלט דיר עפעס, אבער ווי נאר דו וועסט כאפן אז דיינע תכונות איז דיין מציאות אלקית, ביסטו שוין יעצט א 'שלם'!

דער אויבערשטער וויל נישט אז א בעל רגש זאל זיין א 'קאלטער שכל'דיגער מענטש', ווי אויך פארקערט. ווי געזאגט, 'דיינע' כוחות און אייגנשאפטן, איז 'דיין' מציאות און חיות אין אויבערשטן.

**אויב 'חירות'** מיינט באלעבן מיין אמת'ן מציאות, דעמאלטס אויב בין איך משועבד צו עררייכן יענעמ'ס מעלה בין איך אויס 'בן חורין'! נישט נאר וואס איך פארדין נישט דערפון, נאר איך גזל אוועק מיין פרייהייט. מיין פרייהייט פאסירט ווען איך לעב זיך מיט זיך גענצליך בשלום, צופרידן מיט מיין באשעפער'ס שלימות'דיגסטע אויסשטעל פאר מיין תכלית.

## ס'איז א פראצעדור!

**איין לעצטע פראגע וואס קען אצינד ארויפקומען:**

מיר האלטן שוין א גוטע צוויי וואכן נאך פסח, טיף אינמיטן די ימי הספירה, און ער רעדט נאך איבער 'חירות'...

דער ענטפער: א מהפיכה געשעט נישט איבערנאכט. מ'דארף ארבעטן דערויף, און ביים ליל הסדר האבן מיר באקומען **די מעגליכקייט צו ארבעטן דערויף, ס'האט אונז געטוישט דעם ריכטונג.**

אדרבה, דעם רצון ה' איז אז דווקא נאכן ערהאלטן כוחות רוחניים, זאלן מיר עס ערגענצן מיט אונזער אייגענע ארבעט דורכאויס די ימי הספירה. פונקט ווי אן ארעסטאנט, וואס זיינע לאנגע יארן אין טורמע האט אים איינגעוואוינט צו לעבן פארשקלאפטערהייט, הייבט נישט אן גלייך ביי זיין באפרייאונג צו לעבן זיין אייגענע מציאות, נאר ער מוז ארבעטן דערויף. אבער די מעגליכקייט דערפאר, איז יעצט אפן פאר אים - און אויך פאר אונז!

**מיט הצלחה און סייעתא דשמיא!**

**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: **347.452.3118** אין וויליאמסבורג: **347.768.3577** אין בארא פארק: **347.520.8743**
אימעיל DD0722531385@gmail.com | **תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483**